# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת יתרו | שנת תשע"ב לפ"ק

## מילי דחסידותא

**אנכי ה' אלקיך: הרה"ק ר' נפתלי מראפשיץ ז"ל** שמע מרבו **הרה"ק ר' מענדעלע מרימנוב זי"ע**, שישראל לא שמעו כי אם קמץ אלף. ופירש הוא ז"ל דבריו הקדושים. וגם אני אענה חלקי, נראה לי כי כוונתו כך הוא, כי ה' יתברך הורה לנו במעמד הקדוש הזה, שנקמץ **האלף** בראשי תיבות **א**וזן **ל**'ב **פ**'ה, ושלש אלה עולים בגימטריא **עינים** עם הכולל, באילו ארבעה תולה כל הנהגות שבגוף לטובה, או חלילה להיפך, ע"כ הזהירנו השי"ת שנקמץ האברים הללו.

ראשית ועיקר הכל, העינים מלהסתכל במקום איסור חלילה, כי שקול כנגד כולם, כמו שהוא בגימטריא כנגד כולם, ועל ידי זה, יקמץ לבבו מלהרהר חלילה הרהורים רעים, ויקמץ האוזן שלא ישמע שמע שוא, ויקמץ פיו ולשונו מלהוציא מפיו דברים בטלים, וכל שכן שקר ורכילות וחנופה, כי אם בתורת ה' יהגה תמיד.

## דרש דרש

**וישמע יתרו:** מה שמועה שמע ובא קרי"ס ומלחמת עמלק. פארוואס האבן דוקא די 2 נסים גורם געווען צו זיין קומען?

ענטפערט דער **כתב סופר זי"ע**, ווייל יתרו האט באמת געהאט א פראבלעם מיטן קומען צו די אידן, ווייל ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי זיי וועלן אים אויפנעמען, טראצדעם וואס נארמאל וואלטן זיי אים געדארפט שיין מכבד זיין, און אוודאי נישט טשעפענען ווייל ער האט דאך אריינגענומען משה רבינו צו זיך אהיים און אים געגעבן זיין טאכטער פאר א ווייב, אבער אפשר זענען זיי כפויי טובה, דעריבער האט ער מורא געהאט צו קומען.

דער **אבן עזרא** פרעגט אויף דעם וואס משה רבינו האט געזאגט התיצבו וראו את ישועת ה' וכו', פארוואס טאקע זענען נישט אידן געגאנגען מלחמה האלטן מיט די מצריים, זיי זענען דאך געווען גענוג מענטשן מיט אסאך כח, ענטפערט ער אז זיי זענען נישט געווען מלומדי מלחמה, און זיי האבן מורא געהאט צו גיין אין מלחמה. דער תירוץ איז לכאורה שוועה ווייל ביי עמלק זענען זיי דאך יא געגאנגען און זיי האבן געזיגט?

זאגט דער **כתב סופר** אז באמת איז דאך געווען א ציווי ה' **לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו**, און רש"י זאגט כאטש זיי האבן דיך געפייניגט און געווארפן דיינע קינדער אין טייך, זיי נישט קיין כפוי טובה ווייל זיי זענען געווען דיין אכסניא בשעת הדחק. טאקע וועגן די סיבה האבן זיך די אידן קיינמאל נישט געפירט מלחמה מיט די מצריים, נישט אין מצרים, און נישט ארויסגייענדיג, ווייל זיי האבן מכיר טובה געווען אויף די הנאה וואס זיי האבן פון זיי געהאט.

דאס פרעגט רש"י **מה שמועה שמע ובא** וואס האט ער געהערט אז די אידן האבן גוטע מידות, וואס האט אים געצייגט אז מ'וועט אים שיין אויפנעמען אלס הכרת הטוב, אויף דעם זאגט רש"י קריעת ים סוף, אז דער אייבערשטער האט געדארפט שפאלטן דעם ים, און די אידן האבן נישט אליין מלחמה געהאלטן אלס הכרת הטוב שהיו להם אכסניא בשעת הדחק, האט ער פארשטאנען אז אים וועט מען זיכער מכיר טובה זיין, און אויפנעמען בכבוד גדול. אבער באמת פון קריעת ים סוף איז נישט קיין ראי', ווייל אפשר האבן זיי נישט מלחמה געהאלטן אזוי ווי דער אבן עזרא זאגט, ווייל זיי האבן נישט געקענט מלחמה האלטן, און ס'איז נישט קיין ראי' אז זיי האבן גוטע מידות, אבער ווען ער האט געהערט פון מלחמת עמלק, האט ער דאך געזעהן אז זיי זענען יא מלומדי מלחמה, און מיט עמלק האבן זיי טאקע יא מלחמה געהאלטן און אים צוקלאפט, אלא מאי דאס וואס זיי האבן נישט מלחמה געהאלטן מיט מצרים איז געווען מצד הכרת הטוב.

*

דער מדרש זאגט **כל מה שישראל אוכלים בעולם הזה אינם אוכלים אלא בזכות האמונה**, דארף מען פארשטיין פארוואס דוקא בזכות אמונה זענען אידן נהנה בעולם הזה?

זאגט **הרה"ק רבי ר' העשיל זי"ע פון קראקא** ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס איז נישטא קיין שכר מצוה אויף די וועלט, עס שטייט דאך ביומו תתן שכרו, און דער אייבערשטער האלט דאך אלעס וואס ער האט געשריבן אין די תורה, נאר די הלכה איז אז אויב דער בעה"ב האט געשיקט א שליח צו דינגען די ארבעטער דארף ער נישט באצאלן נאך אין יענעם טאג, ווייל דער בעה"ב קען זאגן פארן ארבעטער 'איך האב דיך נישט געדונגען', און דער שליח קען זאגן 'דו האסט נישט געארבעט פאר מיר'.

די תורה איז דאך געגעבן געווארן פאר אידן דורך א שליח, משה רבינו ע"ה, ממילא דארף דער רבש"ע נישט געבן שכר מצוה אויף די וועלט, נאר די ערשטע צוויי דברות, אנכי און לא יהיה לך דאס איז געגעבן געווארן דורך השי"ת אליין, פאר דעם דארף השי"ת אונז יא באצאלן שכר מצוה אויף די וועלט.

וועגן דעם **אין ישראל ניזונין בעולם הזה**, אידן האבן נישט קיין פרנסה און שכר מצוה אויף די וועלט, אלא בזכות אמונה, ווייל די ערשטע צוויי דברות האט דער רבש"ע אליינס געזאגט.

## פרפראות לחכמה

דער **רמ"ע מפאנו זצ"ל** אין ספר **עשרה מאמרות** (מאמר חקור דין פל"א) זאגט א רמז פארוואס השי"ת האט געגעבן די תורה דוקא אויפן בארג סיני.

ווייל **"סיני"** איז בגימטריא זעקס הונדערט טויזענט, דער צאל וויפיל אידן עס זענען געשטאנען ביים מעמד הר סיני. ווי אזוי?

**ס-י-נ-י!** מען הייבט אן צו רעכענען 'ס' מאל 'י', דאס הייסט 60 מאל 10 דאס באטרעפט 600. דערנאך 'סי' מאל נ', דאס הייסט 600 מאל 50, קומט אויס 30,000. דערנאך רעכנט מען 'סינ' מאל י', דאס הייסט 30,000 מאל 10. קומט אויס 300,000.

יעצט רעכענט מען דעם מילוי פון די אותיות פון ס-י-נ-י. דער מילוי פון סמ"ך איז מ"ך וואס באטרעפט 60. דער מילוי פון יו"ד, איז ו"ד וואס באטרעפט 10, דער מילוי פון נ"ן איז ן' וואס באטרעפט 50, דער מילוי פון יו"ד איז ו"ד וואס באטרעפט 10. אז מען רעכענט דאס לויטן פריערדיגן חשבון האט מען שוין נאך 300,000 אינאיינעם איז דאס 600,000.

# בפרדס הפרשה

ידיעות וענינים השייכים לענינא דיומא

## זכור את יום השבת לקדשו

די גמרא זאגט אין מס' פסחים (דף ק"ו ע"א) **זכור את יום השבת, זכרהו על היין בכניסתו.** ווען דער שב"ק קומט אריין זאל מען מאכן קידוש אויף וויין. פון **תוס'** (ד"ה זכרהו) איז משמע אז קידוש על היין איז א מצות עשה מן התורה. אזוי אויך פון רש"י (ברכות דף כ' ע"ב) זעהט אזוי אויס.

אבער אנדערע **אחרונים** זענען מחולק דערויף, און זיי האלטן אז קידוש היום, דאס וואס מ'דערמאנט קידוש היום ביים דאווענען, איז טאקע מה"ת, אבער קידוש על הכוס איז א דרבנן.

פרויען זענען מחויב מיט קידוש פונקט ווי מענער, כאטש קידוש איז א **מצ"ע שהזמן גרמא**, וואס געווענליך זענען **נשים פטור**, אבער דא זענען זיי מחויב בקידוש ווייל חז"ל דרש'ענען א היקש זכור ושמור אז יעדער וואס איז מחויב בשמירת שבת איז מחויב מיט די מצוה פון "זכור".

די גמ' זאגט אין פסחים (דף קי"ז ע"ב) **צריך שיזכיר יציאת מצרים בקידוש היום.** מיר זאגן טאקע ביים קידוש דעם נוסח **זכרון למעשה בראשית** וואס דאס מיינט אז מיר רוען אין דעם טאג וואס השי"ת האט דעמאלטס גערוט נאך די ערשטע 6 טעג וואס ער האט באשאפן די וועלט, תחילה למקראי קודש שבת איז דער ערשטער יו"ט וואס ווערט דערמאנט אין די פרשה פון די מועדים אין פר' אמור, זכר ליציאת מצרים וואס די אלע ימים טובים וואס ווערן דארט אויסגערעכענט זענען א זכר צו יציאמ"צ. פסח צו די גאולה, שבועות צו מתן תורה, סוכות צו די ענני הכבוד.

דער **רמב"ם** זאגט אבער אז שבת אליין איז אויך א זכר צו יציאת מצרים, ווייל יציאת מצרים איז א הוכחה אויף אלוה קדמון מחדש חפץ ויכול, אז דער אייבערשטער קען מחדש זיין אלעס וואס ער וויל, אז אויב א מענטש איז מסופק אויף עפעס וואס השי"ת האט געטון, דאן איז יציאמ"צ אן הוכחה אויף דאס אלעס, דעריבער איז טאקע יציאת מצרים אויך א הוכחה אויף שב"ק.(טור ס' רע"א)

**תוס'** אין פרק ערבי פסחים ברענגט בשם מהר"ם אז אין מדרש שטייט אז אידן אין מצרים האבן געארבעט עבודת הפרך, די אותיות פ'ר'ך אין א"ת ב"ש איז די אותיות וג"ל, וואס באטרעפט ל"ט, קעגן די ל"ט מלאכות, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן רועהן שבת קעגן די ל"ט מלאכות וואס אידן האבן געארבעט אין מצרים, און דאס איז דער זכר ליציאת מצרים.

איינע פון די באקאנטע סגולות צו  וואס קידוש היום איז מסוגל ברענגט די גמרא אין מס' ברכות (דף מ"ג ע"ב) **פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו, ומהדר לי' בקידושי דבי שמשי,** אז קידוש היום ברענגט צוריק די מאור עיניו וואס א מענטש פארלירט ווען ער לויפט א פסיעה גסה.

וואס איז טאקע פשט אין די גמרא? ווי אזוי קומט צוריק די מאור עיניו?

רש"י דארט אויפן פלאץ שרייבט "**ששותה כוס של קידוש בשבת בלילה**". זעהט זיך אויס פון רש"י אז נישט דאס מאכן קידוש איז די רפואה נאר דאס טרינקען די וויין.

**רבינו יונה** שרייבט אז אינעם זכות וואס ער מאכט קידוש וועט אים צוריק קומען די שיין פון די אויגן. פון זיינע ווערטער זעהט אויס אז דער זכות המצוה איז מסוגל פאר די רפואה.

אבער אין תוס' (פסחים דף ק' ע"ב) שטייט אז דאס איז נישט א סגולה נאר א רפואה טבעית, ווייל אריינצולייגן וויין אין די אויגן איז א רפואה. דער רבינו יונה פרעגט אויף תוס' אז מ'טאר דאך נישט טון קיין רפואה בשבת? פרעגט דער מהרש"א פרעגט אויפן רבינו יונה, ווער זאגט אז דאס איז אויך אסור עפ"י הלכה, דאס וואס איז אסור משום רפואה איז נאר צו לייגן אין די אויגן, אבער תוס' רעדט פון לייגן אויף די אויגן וואס דאס איז נישט אסור.

דער **מהרש"א** זאגט אז דאס וואס עס שטייט אז די ראי' קומט צוריק ביי קידושי דבי שמשי מיינט נישט אז דורך קידוש קומט צוריק די מאור עיניו, נאר וויבאלד די הלכה איז אז שבת טאר מען נישט גיין קיין פסיעה גסה, דאס אליין אז ער לויפט נישט שבת וועט אים היילן די אויגן וואס זענען שוואך געווארן וועגן די פסיעה גסה.

אין שו"ע (סי' רע"א) שרייבט דער **רמ"א בשם המהרי"ל** אז בשעת קידוש יתן ב' עיניו על הנרות.  זאגט דערויף דער מגן אברהם ווייל צוויי מאל נ"ר באטרעפט 500. מילא וועט דער זכות פון די מצוה פון הדלקת הנר וואס באטרעפט 500 וועט אים השי"ת  שיקן א רפואה פאר דעם חלק א' מחמש מאות וואס איז אים שוואכער געווארן.

קומט אויס אז דאס וואס די וועלט זאגט אז אז קוקן אינעם כוס של קידוש איז מסוגל פאר רפואה פאר די אויגן איז נישט ריכטיג לויט קיין איין דעה, ווייל לויט אלע דיעות וואס מיר האבן געברענגט איז דער שיכות פון קידוש מיט די אויגן, אדער דאס עצם זאגן קידוש, אדער טרינקען וויין, לייגן אין די אויגן, קוקן אויף די לעכט, אבער נישט קוקן אין כוס.

אבער דער **דרכי משה** פרעגט שוין אז די הלכה איז ביי כוס של קידוש אזוי ווי די הלכה פון כוס של ברכת המזון, און ביי ברהמ"ז איז די הלכה אז מען דארף אריינקוקן אינעם כוס, דאן ווי אזוי זאל ער טון ביי קידוש, ער זאל קוקן אויפן כוס אדער אין די לעכט?

וועגן דעם שרייבט דער **רמ"א** אז אנהויב קידוש זאל ער קוקן אויף די לעכט און בשעת קידוש זאל ער קוקן אינעם כוס, דער מגן אברהם שרייבט אז ס'איז נישט קיין שום סתירה ווייל מען קען קוקן אויףביידע אויפאיינמאל.

# מילי דשמעתתא

ענינים מפרשת השבוע שלמדנו במס' קידושין פרק האיש מקדש

## המוכר שטר חוב לחבירו וחזר ומחלו מחול:

עס שטייט אין ספר **משנת רבי אליעזר** (פר' צו) אז דורך די הלכה איז השי"ת מוחל די עבירות פאר אידישע קינדער, ווייל די משנה זאגט אין אבות אז ווען א מענטש טוט א עבירה קויפט ער איין מלאך רע, און דער אויבערשטער גיט אים איבער אין די האנט פונעם מלאך, אז ער אים מעניש זיין, וואס דאס איז אזוי ווי השי"ת פארקויפט דעם חוב וואס ער איז שולדיג פארן אייבערשטן, ווייל ער האט געזינדיגט פארן מלאך.

אבער ווייל מיר פסק'ענען אז **המוכר שטר חוב וחזר ומחלו מחול**, קומט דאך אויס אז אפילו נאכן פארקויפן דעם שטר חוב קען נאך דער מלוה מוחל זיין, דעריבער אויב א איד טוט תשובה איז השי"ת מוחל דעם חוב, און עס ווערט אויסגעמעקט דער חוב פון די עבירה.

# ידוע תדע

מטרתו להרחיב ידיעות התלמידים בעניני הלכה ומנהג

עס איז איינגעפירט ביי אונזערע מקומות אז שבת טוט מען אן אויפן קאפ א צווייטע סארט מלבוש. עלטערע מענטשן טוען אן א שטריימל אנשטאט א הוט. אנדערש ווי אנדערע מלבושי שבת וואס כאטש מ'טוט אן אנדערע און  שענערע קליידער איז דאס אבער נישט א צווייטע סארט מלבוש.

עס איז אינטערעסאנט וואס עס שרייבט **הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע** אין ספר **פרי צדיק** (ח"ב לשושן פורים אות א') מיט דעם וואס חז"ל זאגן אז בשעת מתן תורה האט מען אנגעבינדן פאר יעדן איינעם צוויי קרוינען, איינס קעגן **נעשה** און איינס קעגן **נשמע**. '**נעשה**' איז קעגן די מעשה המצוות וואס א מענטש טוט בפועל, און '**נשמע**' איז קעגן עסק התורה אז דאס הארץ פון א איד זאל זיך צוהערן צו דברי תורה.

אין **מדרש** שטייט (שמו"ר סו"פ כ"ז) אז נאכן חטא העגל האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אידישע קינדער, איך האב אייך געגעבן צוויי קרוינען קעגן נעשה ונשמע, אז עטס האט צובראכן דעם קרוין פון '**נעשה**' זייט יעצט שטארק געווארנט אינעם קרוין פון '**נשמע**', און מיר זענען געבליבן מיטן קרוין פון נשמע, צוליב דעם וואס מיר זענען עוסק בתורה.

שרייבט רבי צדוק ווייטער: "**ומטעם זה נתפשט המנהג בישראל ללבוש בשבת על הראש כובע משונה בתוארה מאותה שלובשים בימות החול, והוא מקפת הראש בעין עטרה, משא"כ בשאר הבגדים שמחליפין אותה רק במה שלובשין בגדים חשובים יותר ולא בתמונה אחרת מיוחדת לשבת, מפני שהכובע ירמוז על כתר תורה שנתן לנו בשבת מצד 'נשמע'.** עכ"ל.

עס איז כדאי צו וויסן אז ביי **רבוה"ק זי"ע** האט מען שטארק מהדר געווען צו גיין שבת מיט א בגד לבן וואס מ'גייט נישט אינדערוואכן.

עס איז געווען אמאל ווען **כ"ק מרן בעל ברך משה זי"ע** איז געווען אין מאנטריאל אויף שבת, און מ'האט נישט געהאט געברענגט געהעריג אלע מלבושי שבת האט דער רבי געבעטן פון הרה"ח ר' יודל ווערצבערגער ע"ה שו"ב אז מ'זאל אים אויך ברענגען א ווייס וועסטל, אבער וויפיל מ'האט געזוכט איז נישט געווען צו טרעפן א ווייס וועסטל, מ'האט געזעהן אז דער רבי עגבערט זיך דערויף, און עטליכע מאל האט ער זיך נאכגעפרעגט צי מ'קען ברענגען א ווייס וועסטל.

אין ספר **ומשה היה רועה** (ח"ג) ווערט דערציילט בשם הרה"ח ר' יושע ווייס הי"ו פון בני ברק אז ווען דער רבי איז געווען אין טעמעשוואר נאך די קריג און ער האט דארט געפראוועט די ערשטע ימים נוראים, האט דער רבי געזוכט א ווייס גארטל, און ער האט נישט נאכגעלאזט פון זוכן, און מ'האט געזעהן אז עס גייט אים בנפשו.

ועי' בספה"ק **ישמח משה** (ליום כיפור דף פ"ג ע"ב) איבער דעם ענין פון אנטון ד' בגדי לבנים.

אין ספר **הרי בשמים** עה"ת פון **הגה"צ רבי יעקב יוסף גינז זצ"ל אב"ד בעסערמין**, שרייבט ער אז דער **ייט"ל זי"ע** האט זיך נוהג געווען יעדן שב"ק אנצוטון ד' בגדי לבנים. ועי' **באר היטב** (סי' רס"ב סק"ד) **בשם האריז"ל** יש ללבוש בגדי לבנים, קעגן די ד' אותיות פון שם הוי"ה. וזל"ק "**ודע, דאין לפחות מן ד' בגדי לבן, והם המלבוש עליון והתחתון** (בעקיטשע וועסטל) **והאזור אשר על לבושי התחתון והחולק אשר על בשרו** (העמד) **וכתב שמספר ד' מלבושים נגד ד' אותיות השם הוי"ה ב"ה.**